# יוסף גורי

## _ווי קומט אַ קאַץ איבערן וואַסער?_

<u>אַרײַנפֿיר פֿון דובֿ נוי</u>

דעם 16טן מערץ איז פֿאָרגעקומען אין דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפֿט פֿון ירושלים אַן אינטערעסאַנטער אָוונט געווידמעט יוסף גוריס נײַער זאַמלונג פֿון טויזנט ייִדיש פֿראַזעס אונד אידיאָמען, וואָס הייסט: _ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?_ דאָס ווערטערבוך (דער מחבר זעט זײַן בוך ווי אַ נײַ ווערטערבוך, אַ צוגאָב צו זײַנע פֿריִערדיקע ווערטערביכער) פֿאַרמאָגט טויזנט אידיִאָמען אין פֿיר שפּראַכן: ייִדיש, עבֿרית, ענגליש, רוסיש. אין מײַן לאַנגער לעקציע -- אַ מין אַרײַנפֿיר צום בוך האָב איך געלויבט דעם אויפֿטו און זיך קאָנצענטרירט אַרום פּאַראַלעלן און פֿאָלקס-עטימאָלאָגישע ווי אויך וויסנשאַפֿטלעכע דערקלערונגען וועגן זייער אָפּשטאַם.

צום סוף האָט דער מחבר געלייענט זײַן "מאָנאָלאָג" וועלכער באַשטייט פֿון אידיִאָמען וואָס זענען אַ טייל פֿון דער זאַמלונג. איך ברענג דעם טראַנסליטערירטן טעקסט, און איך האָף אַז די מענדעליאַנער וועלן הנאה האָבן פֿון די אידיִאָמען און אפֿשר אויך לאָזן אונדז וויסן זייערע פֿאָלקס-עטימאָלאָגיעס וועגן "לאַכן מיט יאַשטשערקעס," "ליגן אין דר'ערד און באַקן בייגל," און נאָך. אַלדאָס גוץ אַ פֿריילעכן פּסח אײַך אַלע!

<u>"מאָנאָלאָג" פֿון יוסף גורי</u>

ייִדיש איז אונדז אַלעמען "אײַנגעבאַקן אים האַרצן" און איך "לייג אַרײַן די גאַנצע נשמה" אין מײַן אַרבעט מיט די ווערטערביכער.

כ'האָב "געפּאָקט און געמאָזלט, געאַרבעט אויף אַלע כּלים, אײַנגעלעגט וועלטן" -- ביז בי וואַנען די ווערטערביכער זײַנען דערשינען.

נאָר אויב דער עולם וועט "קרימען מיט דער נאָז" און זאָגן, אַז מײַנע ווערטערביכער "זײַנען ניט קיין גרויסע מציאה, ניט אײַ-אײַ-אײַ און

ניט אוי-אוי-אוי, ניט מילכיק ניט פֿליישיק,״ אַז דאָס וואָס איך טו איז בכלל ״אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט (אַזאַ יאָר אויף מײַנע שׂונאים!),״ אַז די ווערטערביכער זײַנען ״אָן הענט און אָן פֿיס,״ אַז זיי ״טויגן אויף כּפּרות.״ אַז זיי ״האָבן ניט קיין פּנים״ און ״האָבן אַ ווערט ווי אַן אויסגעבלאָזן איי״ -- איז דאָך ״אַ קלאָג צו מיר!״

און אויב נאָך צו דער צו וועט מען מיר אָנהייבן ״דערגיין די יאָרן, באַוואַרפֿן מיט בלאָטע״ און מע וועט זאָגן: וואָס ״דרייט ער אונדז אַ ספּאָדעק״? ער האָט דאָך, דער שלימזל, ״צוויי לינקע הענט״! גענוג! ״אַראָפּ פֿון מאַרק״!

״איז מען דאָך ניט מער ווי אַ מענטש.״ אויב מע וועט מיר ״אָנטאָן אַזעלכע חרפּהס און בושהס,״ וועל איך זיך ״ניט געפֿינען קיין אָרט,״ כ׳וועל ״ווערן גרין און געל, אויס מענטש״! איך וועל ״האָבן געשוואָלענע טעג״ און כ׳וועל ״ניט צומאַכן קיין אויג״ אין די נעכט, כ׳וועל זיך ״אויפֿעסן לעבעדיקערהייט; כאָטש שרײַ חי וקים, כאָטש נעם און באַגראָב זיך.״ כ׳וועל ״אַנטלויפֿן ווּ די אויגן טראָגן.״

און אויב נאָך ״אין די הויכע פֿענצטער״ פֿון אונדזער ייִדיש-וועלט וועט מען טענהן: וואָס? ער וויל מע זאָל ״עפֿענען פֿאַר אים דעם טײַסטער״ פֿאַר זײַן נײַעם ווערטערבוך? ער איז ״משוגע צי ססר-דעה?״ עס כאַפּט אָן אַ ניט-גוטקייט פֿון זײַנע, מכּלומרשט, ״ווערק.״ זאָל ער ״זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ״ פֿאַנטאַזיעס וועגן באַקומען אַ פּאָר קערבלעך. זאָל ער זיך ניט ״אײַנרעדן אַ קינד אין בויך״ און ניט ״שוועבן אין די וואַלקנס״! אַ ״לאַך פֿון אַ בייגל״ וועט ער באַקומען! ״קדחות מיט כּשרע פֿעדעם! שבת נאָכן קאַלטן קוגל, ווען אין הימל וועט זײַן אַ יריד! ווען דער משיח וועט קומען!״ זײַן נײַער ווערטערבוך איז ״די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט.״ גענוג זײַנע ווערטערביכער! ״זאָל ער ניט טאַנצן אויף אַלע חתונות.״

נו?...״איז ליג איך אין דר׳ערד און באַק בייגל״...

אייגנטלעך, צו וואָס דאַרף איך די אַלע צרות? צו וואָס זיך ״לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט״? וואָס פֿאַר ״אַ פֿליג איז מיר אַרײַן אין קאָפּ,״ אַז איך דאַרף שרײַבן ווערטערביכער? ״איז ניט געפֿידלט״! איז אָן מיר. ״מײַן באָבעס דאגה.״ פֿאַרקערט! זאָלן זיך

איצט מײַנע שׂונאים אפֿילו ״שטעלן אויפֿן קאָפּ״ און בעטן בײַ מיר שרײַבן ווערטערביכער. ״אַ פֿײַג, אַ פֿײַג אונטער אַ דעכעלע!״

זיי וועלן לאַכן פֿון מיר, זאָגט איר? ״לאַכן זאָלן זיי מיט יאַשטשערקעס!״ זיי וועלן שרײַבן קעגן מיר אין די גאַזעטן? ״שרײַבן זאָל מען זיי רעצעפּטן!״ זיי וועלן רעדן קעגן מיר? ״רעדן זאָלן זיי פֿון היץ!״ זיי וועלן ״שאַרפֿן אויף מיר די ציינער? אַלע ציינער זאָלן זיי אַרויספֿאַלן, נאָר איינער זאָל זיי בלײַבן -- אויף ציינווייטיק!״

נאָר צוריק גערעדט, אויב ״דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען״ און מענטשן וועלן זאָגן אַז דער נײַער ווערטערבוך ״איז ווערט גאָלד״ און ״האָט דעם זיבעטן טעם״ -- וועל איך דאָך ״זײַן אין זיבעטן הימל״! איך וועל ״ווערן ברייטער ווי לענגער,״ ״שפּרינגען אין דער לופֿטן פֿון פֿרייד.״ נאָר פֿון דער אַנדער זײַט, איך פֿאַרענדיק דעם נײַעם ווערטערבוך און דאַרף פּעטי-מעטי צו דרוקן אים. איז וואָס? ״גיין איבער די הײַזער?״ שנאָרן געלט? דאָס ניט! האַ, און אפֿשר ווענדן זיך צו די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס? ״אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט.״ זיי זײַנען אַליין ״קבצנים אין זיבן פּאָלעס.״

איז טאַקע, ״ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?...״